# בּעשערט.

אַ בּיען אריינגעקוקט האָט אין אַ גרין־הויז, דורך'ן גלאָז
און דאָרט בּעמערקט אַ פרישע בּלום פון גארטען,
אַ זיסינקע, פון יענע וואונדערבּארע סאָרטען,
וואָס שמעקען אזוי אנגענעהם דער בּיען אין נאָז.
ווערענדיג אַ זויג טהון פון דער בּלום אביסעל זאפט,
זיך אַ יאָג געטהאָן אהינצו האָט זי מיט איהר גאנצער קראפט.

די שויבען אָבער, האָבען אָבּגעהאַלטען איהר געיעג.
זיי האָבּען זיך ארויסגעצייגט, אַלס הארטע וועגט ;
זיי דורכצוברעכען, האָט די שוואכע בּיען, נאַטירליך, ניט געקענט
און ניט פערשטאַנען האָט זי, וואָס עס שטעהט איהר דאָ אין וועג.
דיעזען וואונדער האָט די בּיען נאָכהער ערקלעהרט,
אַז די בּלום איז איהר מסתמא ניט געווען בּעשערט.

פיעלע מענשען ווייסען ניט וואָס שטערט זיי דאָ אין לעבּען,
און אויף יעדען דורכפאל מוזען זיי דעם ביענען־תירוץ געבּען.